בית חינוך לבנות בית פיגא ברסלב

# א גריס פון
# בית פיגא

**פרשת שלח**

**כ"ה סיון תשפ"א**

**יאר 1 גליון 28**

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי גאנץ פרי 1 עי

אונז בעטן שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז אונז זאלן שוין מאכן אונזער גרעדאעישן, און ש'כח אייבערשטער אז די וואך מיטוואך איז פארגעקומען די הערליכע גראדיעשין!

### ערשטע קלאס - חמי זעליקאוויטש

איך בעט שוין פאר זייער א לאנגע צייט די אייבערשטער אז מיר זאלן מופן אין שטעטל, און ש'כח אייבערשטער אז מיר גייען שוין אי"ה מופן!

### צווייטע קלאס - פייגי אינדיג

איך האב געהאט א מאגנעטע בארד, וואס די מאגנעטע פון די פען איז ארויסגעפאלן און איך האב עס נישט געקענט טרעפן, איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס טרעפן, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן!

### פערדע קלאס - לאה'לע שווארץ

שוין זייער לאנג וואס איך בעט די אייבערשטער אז מיין מומע זאל שוין ווערן א כלה, און ש'כח אייבערשטער אז זי איז שוין געווארן א כלה!

### עלטסטע קלאס - פערי שארף

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען א שיינע נייע זייגער, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב באקומען א זייגער!

### בית פיגא ליבערטי - רייזי וועבערמאן

איך בין געווען ביי א חתונה מיט מיין מאמע, און עס איז געווען דארטן אייז קרים און אייסעס. מיין מאמע האט באקומען אייז קריעם, און זי האט געוואלט אייסעס. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל באקומען אייסעס, און ש'כח אייבערשטער אז א מיידל האט געוואלט טוישן מיט איר!

## נייעס אין בית פיגא

די וואך דינסטאג איז פארגעקומען א הערליכע סידור פלעי אין בית פיגא וויליאמסבורג! אלע מיידלעך פון ערשטע קלאס האבן ענדליך באקומען זייער אייגענע סידור מיט זייער נאמען. ש'כח אייבערשטער אז זיי קענען שוין אזוי גוט לייענען אליינס! מען האט געזינגען שיינע ניגונים, און אויך פארגעשטעלט די מעשה פון ישראליק, ווי זיין טאטע איז נפטר געווארן און וואס ער האט געדארפט האט ער געבעטן נאר פון די אייבערשטער, ביז ער איז געווארן די הייליגע בעל שם טוב! אלע מיידלעך לערנען זיך אפ פון די קליינע ישראליק און וואס זיי דארפן בעטן זיי נאר פון די אייבערשטער. אלע מאמעס און באבעס זענען געקומען זיך מיט פרייען מיט די גרויסע שמחה און שעפן נחת פון זייער זיסע ערשטע קלאס מיידל.

מיטוואך איז געווען די פרי 1 עי גרעדאעישן, עס איז ב"ה געווען הערליך שיין! אלע מאמעס זענען געקומען שעפן נחת און זען ווי גרויס די מיידלעך זענען שוין געווארן, אז זיי גייען שוין קומענדיגע יאר אריינגיין אין ערשטע קלאס! די מיידלעך זענען אלע געווען אזוי פרייליך און אזוי הערליך געזינגען און פארגעשטעלט, ש'כח אייבערשטער!

אין שטעטל סקול זענען אלע נורסערי מיידלעך אזוי פרייליך אז זיי האבן שוין ב"ה געענדיגט לערנען אלע א-ב! די וואך האבן זיי געמאכט אן א-ב סיום מיט אסאך גוטע נאש, און יעדע מיידל איז אהיימגעקומען מיט א הערליכע א-ב קרוין. ש'כח אייבערשטער אז זיי קענען שוין אזוי גוט די א-ב!

# א מעשה פון א צדיקת

ווער האט שוין געהערט פון די הייליגע צדיק שמואל הנביא? לאמיר הערן וויאזוי ער האט זוכה געווען צו ווערן אזא גרויסע צדיק.

עס איז געווען א מענטש וואס האט געהייסן אלקנה. אלקנה האט געהאט צוויי פרויען, איין ווייב האט געהייסן פנינה, וואס זי האט געהאט אסאך קינדער, און די צווייטע האט געהייסן חנה. עס איז שוין אריבער אסאך יארן פון חנה'ס חתונה אין זי האט נאך אלס נישט געהאט קיין קינדער. זי פלעגט זייער אסאך בעטן די אייבערשטער אז זי זאל שוין האבן קינדער.

פנינה האט געוואלט חנה זאל שוין האבן קינדער, האב זי געטראכט אז אפשר בעט חנה נישט גענוג די אייבערשטער. פלעגט איר פנינה אלס טשעפענען, און זי פלעגט איר פרעגן, "האסט שוין געקויפט נייע זומער קליידער פאר דיינע קינדער? ווען וועסטו קויפן נייע שיך פאר דיינע קינדער?" זי האט געטראכט אז אזוי וועט חנה ווערן מער צובראכן, און בעטן זייער אסאך די אייבערשטער, ביז דער אייבערשטער וועט איר העלפן. אבער פנינה האט נישט געוואוסט אז מען טאר נישט פארשעמען אפילו ווען מען וויל עס זאל ארויסקומען גוטס דערפון.

חנה איז געווארן אזוי צובראכן אז זי האט נאכנישט קיין קינדער, איז זי געגאנגען צו די משכן און דארט האט זי זייער שטארק געוויינט, און געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל שוין האבן קינדער. אבער זי האט נישט סתם געבעטן די אייבערשטער 'באשעפער געב מיר קינדער', **זי האט געבעטן פאר געזונטע, וואוילע, ערליכע, שיינע, קלוגע קינדער, און אז אירע קינדער זאלן זיין גרויסע צדיקים.**

אין יענע צייטן פלעגט מען דאווענען הויך, אבער חנה האט גערעדט צו די אייבערשטער שטיל. עלי הכהן די כהן גדול פון יענע צייט האט געמיינט אז זי איז שיכור, האט ער איר געפרעגט, "ווי לאנג וועסטו נאך זיין שיכור?" האט חנה אים געזאגט אז זי איז נישט שיכור, נאר זי וויל זייער שטארק האבן קינדער, דערפאר האט זי יעצט גערעדט צו די אייבערשטער שטיל. עלי הכהן האט איר אנגעוואונטשן א קינד, און חנה איז אהיים פרייליכערהייט מיט די ברכה פון די צדיק.



די נעקסטע יאר האט חנה געהאט א אינגל בעיבי, און זי האט אים א נאמען געגעבן שמואל. שמואל איז אויסגעוואקסן א גרויסע צדיק, און ער איז געווארן די פירער פון כלל ישראל ער איז געווארן אזוי גרויס ווי משה רבינו און אהרן הכהן צוזאמען! אלעס נאר בזכות חנה'ס תפילות וואס זי האט געבעטן די אייבערשטער פאר גוטע ערליכע קינדער. זי האט נישט געקארגט קיין תפילות, נאר זי האט געבעטן אלעס וואס זי האט געוואלט, און דער אייבערשטער האט איר געהאלפן!

וואס איז געווארן מיט פנינה? זי האט געטשעפעט חנה, און כאטש זי האט געהאט א גוטע כוונה, דאך איז זי באשטראפט געווארן. יעדעס מאל וואס חנה האט געבוירן נאך א קינד, איז איינע פון פנינה'ס קינדער געשטארבן ל"ע. **זעען מיר פון דעם ווי הארב עס איז צו פארשעמען אדער טשעפענען א צווייטן.**

לאמיר זיך אלע אפלערנען פון די צדיקת חנה, און בעטן די אייבערשטער, וועלן מיר אויך זוכה זיין צו ערליכע, הייליגע קינדערלעך!

# פון אונזערע לעררינס...

יום ב׳ משפטים תשע״ח

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי׳

איך האב זייער הנאה געהאט צו ליינען דיין בריוו. איך זעה ווי דו ווילסט באמת זיין גוט, און טון וואס דער אייבערשטער וויל. דו הערסט אויס די שיעורים סיי אין קלאס, און סיי פון דער ראש ישיבה שליט״א, און דו פאלגסט אלעס בתמימות. וואויל איז דיר, ווייל תמימות איז די שליסל צו אלע עצות פון דער הייליגע רבי. נאר אויב מען האט תמימות קען מען פאלגן וואס דער רבי הייסט: רעדן צו דער אייבערשטער, זיין פריילך, זאגן תהלים. מענטשן לאכן אפ פון אזעלכע פשוטע זאכן, זיי זוכן קלוגערע מצוות, גרעסערע זאכן, ווי גרויסע צדקה צוועקן, אדער אנדערע חסד, און זיי פארגעסן אז די ערשטע חסד דארף זיין מיט זיך. מען דארף געבן פאר די נשמה עסן און טרינקען, וואס דאס איז תפילה, תהלים, און מצות. נישט קיין גרויסע מצוות וואס מען זוכט צו טון אינדרויסן, נאר אזעלכע קליינע מצוות ווי געבן א פרוטה אין די פושקע, געבן א שמייכל און א קאמפלימענט פאר די קליינע שוועסטער, און העלפן די מאמע ארויסטראגן די מיסט. דאס זענען מצוות וואס מיידלעך זוכן זיך נישט צו טון ווייל עס איז נישט עפעס מורא׳דיג, און קיינער גייט נישט וויסן צו מען האט עס יא אדער נישט געטון.

דער רבי לערנט אונז אויס אז יעדע מצוה איז מורא׳דיג חשוב, און דווקא די פשוטע מצוות וואס מען טוט בתמימות דאס ברענגט די גרעסטע הצלחה. ווער עס וויל לאכן פון א מיידל וואס פאלגט דער רבי׳ס עצות בתמימות און רעדט צום אייבערשטער און זאגט תהלים, דארף וויסן אז דער וואס לאכט, לאכט פון זיך. צום סוף וועט זי נאך מקנא זיין די מיידל פאר אירע קאפיטלעך תהלים און אירע פילע מצוות און תפילות ווייל דאס בלייבט פאר א מענטש אויף אייביג.

איך וויל דיר זייער שטארק בעטן אז דו זאלסט זעהן אז עס זאל נישט זיין קיין נארישע קליינקעפיגע פאליטיק אין אונזער קלאס. מען זעהט קלאר אז דער יצר הרע פארגינט נישט אז עס זאל זיין אחדות אין דער רבי׳ס פלאץ. ער זוכט נאר וואו ער קען מאכן אז די מיידל זאל בלאזן אויף איר, און זי רעדט נישט מיט יענעם, און מען שטעקט זיך מיט נארישקייטן. אוודאי נאר פאר א וויץ, אבער אין יעדע וויץ ליגט אמת.

וועגן דעם בעט איך דיר זייער אז דו זאלסט פרובירן צו זיין יעדעמ׳ס חבר׳טע. עס איז נישט דא אזא זאך ׳מיט איר בין איך גוט, און מיט איר רעד איך נישט׳ און אויב זי האט אנגעהויבן ערשט מיט דיר און דיך געשטאכן, שטעך נישט צוריק, שלינג עס אראפ און זיי איר מוחל, און געענדיגט. אונז זענען ווייטער גוטע חבר׳טעס

געדענק וואס דער הייליגע רבי האט געזאגט ״אויב ענק וועלן זיך האלטן צוזאמען איז נישטא קיין מדריגה צו וואס איך וועל ענק נישט קענען ברענגען.״ איז דען נישט א וואונדער אז דער יצר הרע פרובירט מיט אלע כוחות צו צושטערן די אחדות צווישן אונז? אבער איך וויל און איך האף אז עס וועט אים נישט געלונגען, נאר דו וועסט זעהן צו איבערבעטן יעדע מיידל וואס דו האסט געשטאכן, אדער געבלאזן אויף איר, אדער נישט גערעדט מיט איר. ווייל אז דו טראכטס אריין אויב וואלסטו יעצט געווען אן אלטע, אלטע באבע פון 95 יאר, וואלסטו זיך אויך געקריגט, און געוועזן פארנומען מיט פאליטיק, אז איר חבר׳טע בין איך יא, און איר נישט? עס הערט זיך פאני, אבער עס איז בכלל נישט קיין געלעכטער. ווייל וואס ווייסן מיר ווילאנג מיר וועלן לעבן?

אויב די 16 יעריגע מיידל וואס איז נפטר געווארן אפאר וואכן צוריק, וואלט געוואוסט א טאג פארדעם אז דאס איז איר לעצטע טאג אויף די וועלט, וואלט זי געטראכט פאר איין רגע פון מחלוקות?! נישט אז דו דארפסט זיך יעצט דערשרעקן, אפשר גיי איך שטארבן, נאר נעם די לימוד און לעב מיט דעם. טראכט אז עס קומט אן אייביגע וועלט, און קיינער בלייבט נישט דא אייביג, און ווי האב איך צייט פאר אזעלכע שטותים?! איך האף אז די וועסט דאס אננעמען אין דיין הארץ, וועסטו האבן א שיינע לעבן, ווייל א מיידל וואס איז בשלום מיט יעדן האט איר יעדער ליב, און זי האט נאר גוטס.

איך האב זייער ליב צו באקומען דיינע בריוון, זעה פליז מיך צו שרייבן אסאך און איך וועל פרובירן צו צוריק שרייבן. אויך קענסטו שרייבן בריוון פאר דער ראש ישיבה שליט״א. אסאך מיידלעך שרייבן צו אים, און זיי ווערן געהאלפן מיט אלע זייערע פראבלעמען. פארוואס זאלסטו נישט פרובירן צו שרייבן? עס איז זייער גוט זיך צו עפענען פאר איינעם וועמען מען קען געטריען, און ער וועט דיך געבן אן עצה.

איך פאר אי״ה היינט צו דער הייליגע רבי׳ס ציון און צו מוהרא״ש, איך וויל בעטן פאר דיך, אזוי ווי איך בעט אייביג. און איך וועל געבן פאר מוהרא״ש גוטע גריסן פון אונזער הייליגע סקול פון וואוילע, צניעות׳דיג, ערליכע, באחדות׳דיגע, דרך ארץ׳דיגע מיידלעך!

פרוביר צו מאכן א קידוש השם אלעמאל, און אפילו איך בין נישט דא, זאלסטו זיך ווייטער אויפירן מיט דרך ארץ און נישט ווערן צולאזט, ווייל דרך ארץ איז די וויכטיגסטע יסוד ביי דער הייליגע רבי.

מיט ליבשאפט,

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך

יום ה׳ פרשת שלח שנת תשפ״א לפרט קטן

לכבוד די מיידלעך וואס לערנען אין בית פיגא פון שטעטל און פירן זיך נישט אויף ווי תלמידות פון בית פיגא;

איך בין זייער פארשעמט; איך הער אז עס זענען דא מיידלעך וואס ווילן נישט דאווענען; זיי מיינען אז דאווענען אויפן קול איז א זאך וואס קליינע קינדער טוען.

די מיידלעך וואס שטעלן זיך נישט צו זיי פאלגן נישט די טיטשער מאכן מיר אסאך צער. די מיידלעך וואס פאלגן די טיטשערס זענען די ריכטיגע תלמידות בית פיגא; זיי מאכן א נחת רוח פאר מוהרא״ש און פאר אלע צדיקים און פארן אייבערשטער.

אויב איר ווילט נישט דאווענען קענט איר זיך נישט פארופן ברסלבע חסידים; ווייל די ערשטע און די לעצטע זאך פון ברסלבע חסידות איז דאווענען. איך בעט אייך זייער יעדן פון אייך באזונדער; העלפט מיר; מאכט מיר נישט קיין צרות; איך וויל הערן נאר גוטע גריסן אויף אייך איך האב גענומען פאר אייך די בעסטע טיטשערס מיינע חשובסטע תלמידות; איר דארפט זיי פאלגן און אויסהערן; נישט זוכן ווי אזוי מען קען טון פארקערט.

יואל רוטה

## ספר המדות ווינקל

**אות בושה**

[illegible]

ווען דו הערסט דיין חבר זאגט א זאך וואס איז נישט ריכטיג, זאלסטו נישט אויפשפרינגען און אים פארשעמען, נאר זאלסט אים ווייזן שטילערהייט אז ער איז נישט גערעכט.

[illegible]

עס איז ענדערש אז א מענטש זאל זיך ארייןווארפן אין א ברענענדיגע אויוון אבי נישט צו פארשעמען זיין חבר ברבים.




פעסטע מיידלעך...

קוואל פון חיזוק

הערט א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט״א

212-444-9169

2,3,3,166

## RECIPE

### EASY ONE BOWL BROWNIES



3 eggs

1 cup sugar

¾ cup oil

1 tsp. vanilla sugar

2 Tbs coffee (dissolved)

4 Tbs cocoa

2 cups flour

1 tsp baking powder

Chocolate chips

Preheat oven 350°

Mix all ingredients except for chocolate chips. Pour into 10x16. Top with chocolate chips.

Bake on 350° for 23 minutes.

נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!